# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תזריע מצורע, ב' דר"ח אייר, אבות פרק ב', שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 31 (445)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:30
מוצאי שב"ק.....................8:59

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................מלכים-א ה'-ו'
בבלי.............................שבת נ'
ירושלמי.......................ביצה ז'
תוספתא.........................פאה ג'
רמב"ם.................סנהדרין ו'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְהֶעֱמִיד הַכֹּהֵן הַמְטַהֵר אֵת הָאִישׁ הַמִּטַּהֵר וְאֹתָם לִפְנֵי ה'

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט שִׂמְחָה. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: 'וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!'" עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפַּרְשָׁה): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְט דָאךְ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, וַוייל דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק הֶערְט זִיךְ דִי מִצְווֹת אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין צַדִיק.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב פַארְ'ן רֶבִּי'ן; אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען לֶעבְּן דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְגִינֶען אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט אַנְדֶערֶע וִויסְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעדֶעצִינֶען זִיךְ צוּ הֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אָמוֹרָא רַב הוּנָא (תַּעֲנִית כ:): "כִּי הֲוָה לֵיהּ מִילְּתָא דְּאָסוּתָא", וֶוען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין, "הֲוֵי מָלֵי כּוּזָא דְּמַיָּא וְתָלֵי לֵיהּ בְּסִיפָּא דְּבֵיתָא" הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע פַאס פוּנֶעם מֶעדֶעצִין אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין שְׁטוּבּ, "וְאָמַר כָּל דְּבָעֵי לֵיתֵי וְלִישְׁקוֹל", עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'וֶוער עֶס דַארְף פוּן דִי מֶעדֶעצִין קֶען קוּמֶען אוּן נֶעמֶען'.

נָאךְ אַ גוּטֶע מִנְהָג הָאט רַב הוּנָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט דִי כּוֹחוֹת פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים), עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מַזִיק זַיין אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ נְטִילַת יָדַיִם. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער, "וַהֲוָה מַנַּח כּוּזָא דְּמַיָּא וְדָלֵי לֵיהּ", הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פַאס וַואסֶער אוּן דָאס אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, "וְאָמַר כָּל דִּצְרִיךְ לֵיתֵי וְלֵיעוּל דְּלָא לִסְתַּכַּן", עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען פוּן דִי וַואסֶער זִיךְ צוּ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם אֵיידֶער מֶען עֶסְט כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן זֵיי.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק, וֶוען עֶר טְרֶעפְט אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין גֶעבְּט עֶר דָאס פַאר אַלֶעמֶען, אוּן וֶוען עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים) אִיז עֶר דָאס מוֹדִיעַ פַאר אַנְדֶערֶע אוּן עֶר הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע. דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת; דַארְפְן מִיר דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם וִוילְן פוּן רֶבִּי'ן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תש"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי סְפִירָה טֶעג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ זִיצְן אַסַאךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען גֵייט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, מֶען זִיצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה טָאג אוּן נַאכְט, נַאכְט אוּן טָאג - אָן אוֹיפְהֶער, עֶס אִיז אֵיין לַאנְגֶע קֵייט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן. גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זֶע אַז דִי קָארָאנֶע זָאל דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין שָׁלוֹם בַּיִת. זֶע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין רוּאִיג אוּן גֶעדוּלְדִיג, בִּפְרַט צוּ אִיר; וֶוען דַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּ דִיר, זִי בֶּעט דִיר, זִי זָאגְט דִיר, זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט אַ שְׁטֶעךְ וָוארְט אָדֶער טְשֶׁעפֶּען; אַז דוּ וֶועסְט אִיר פַארְלִירְן וֶועט זַיין גָאר בִּיטֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תש"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס לֶערְנְט מֶען וֶוען דִי כּוֹלְלִים זֶענֶען פַאְרשְׁפַּאְרְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ
יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דַיינֶע לִימוּדִים, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי כּוֹלֵל אִיז פַארְמַאכְט, וָואס דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אִין אָנְהוֹיבּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ גְמָרָא; דִי צְוֵויי לִימוּדִים הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלָה. מִשְׁנַיוֹת אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בַּאקוּמְט אַ שֵׂכֶל הַיָשָׁר, דֶער מֹחַ וֶוערְט מְיוּשָׁב, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן. אוּן גְמָרָא הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ פְלַייסְן אִין דִי צְוֵויי לִימוּדִים; זֶע צוּ זָאגְן לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר אִינְגַאנְצְן מְשַׁנֶה זַיין מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, עֶס וֶועט דִיר אִינְגַאנְצְן טוּישְׁן, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "מְשַׁנֶה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶר אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ גְמָרָא; אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ הָאבְּן אִינֶעם טֶעגְלִיכְן בְּלַאט גְמָרָא, נָאכְדֶעם אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, זָאלְסְט נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער חַזְרְ'ן מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, עֶר וֶועט אַלֶעס לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין נַ"ךְ, אִין תּוֹסֶפְתָּא, אִין מֶדְרָשִׁים אוּן אִין זוֹהַר וְכוּ', וְכוּ', אָן קַיין פְּרֶעשׁוּר; וֶוען מֶען הָאט אִיבְּרִיגֶע צַייט כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ לִימוּד אוּן נָאךְ אַפָּאר שׁוּרוֹת וְכוּ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תש"פ)

>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶועריַקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

### אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ ווִיכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוְונֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְפִירָה)

### יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לְעַצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְּקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס וִוי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע סַאךְ גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ

<<<<<<

>>>>>>

צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וְויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, אוּן וְויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, אוּן מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וְויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוּן אוֹיבּ דֶער דַאוֶועגֶען אִיז נִישְׁט וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וְוי אַ שׁוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פוּן דֶעם תַּם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פוּן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

## דִי לֶעבּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ס)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין טְבֶרְיָה.

### רסה

ל' שְׁבָט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אֵייְרָאפֶּע צוּ דֶעם פְרַאנְצוֹיזִישְׁן קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן, דוּרְךְ אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעלָאדְנְט מִיט וַויין. דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נָאךְ פִינְף חֳדָשִׁים וָואס עֶר הָאט גֶעלַאקֶערְט אַיינְצוּנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי עֶנְגְלֶענְדֶער הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט קַיין שׁוּם שִׁיף זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

### רסו

ל' אָדָר א', דָאנֶערְשְׁטָאג פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הַאפְן פוּן יָפוֹ, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט יָפוֹ.

### רסז

אִין יֶענֶע צַייט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַגֵּיפָה אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיין אַכְסַנְיָא צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ אִין שְׁטָאט, דֶערְנָאךְ אִיז דָארְט אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דִי מַגֵּיפָה אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן טְבֶרְיָה.

בַּיים אַנְטְלוֹיפְן אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ הֵייל וָואס פִירְט בִּיז צוּם מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, וֶוער אִיז אָנְקוּמֶען צוּם מוֹיעֶר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שׁוּם טוֹיעֶר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם מוֹיעֶר, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אִיבֶּערְקְרִיכְן צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַרוֹיס פוּנֶעם שְׁטָאט.

וֶוען עֶר אִיז אָבֶּער אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער יַם אִיז אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן אַזוֹי הֶענְגֶען אוֹיף דִי הֶענְט אוּן דִי פִיס אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר, אִין דִי צַייט וָואס אוּנְטֶער אִים אִיז דֶער יַם.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן דֶעם מוֹיעֶר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מַמָּשׁ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער כִּנֶּרֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען פָּשׁוּט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעטְרָאפְן הֶענְגֶען אוֹיפְ'ן מוֹיעֶר הֶעכֶערְן יַם, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן. אוֹיבּ לָאזְט עֶר זִיךְ אָפּ פַאלְט עֶר אַרַיין גְלַייךְ אִין יַם אַרַיין, אוּן צוּרִיק אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהָאנְגֶען אוֹיף אַרָאפּ אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיפְצוּשְׁלֶעפְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין פַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶע יָארְן, צוּ בֶּעטְן אוּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אִים אַ נֵס אַז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דָארְט בְּשָׁלוֹם בְּדֶרֶךְ נֵס.

[דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶנְדִיג מִיט דֶעם וְוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אַזוֹי וְוי עֶר הָאט

<<<<<<




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## נָאכְ'ן חוֹזֶק מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶס יֶעצְט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל אַוֶועקְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טֵיילְן אַרוּם דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵסִים, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ זִיץ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁרֶעק פוּן דִי קָארָאנֶע וַויירוּס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶערוּפְן דִי טֶעלֶעפָאן לֵיין פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דָאס קָאלִיר אוֹיפְ'ן פָּנִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל נָאר רוּפְן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", זִי זָאל נִישְׁט רוּפְן דִי נַייעֶס לֵיינְס וָואס דֶערְשְׁרֶעקְן אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן לָאזְן נִישְׁט לֶעבְּן.

פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵס, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִין לוֹיף פוּן דִי צַייט, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ עֶס אַפִּירְגֶעקְרַאצְט, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס צוּגֶעגְרֵייט מַמָּשׁ פַאר מִיר, סְ'רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אִיךְ לֵיין דָארְט מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט צוּ הֶערְן, אוּן סְ'אִיז וְוי נֶערְוֶוען טַאבְּלֶעטְן פַאר מִיר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייט.

אִיךְ וְויל אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעמַאכְט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן בְּרֶסְלֶב דִי אַלֶע יָארְן, וַוייל הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ גֵייט מִיט בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז אַ גֶעשְׁפֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז', מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ) וְוי פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז דֶערְנָאךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ גֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

מוֹהֲרַנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם): "וָואס פַאר אַן עֵצָה הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", דָאס אִיז דִי עֵצָה; דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם מַאכְט זִיכֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע, אַזוֹי וְוי דֶער מְצִיאוּת אִיז, אַז וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צִינְדְט זִיךְ אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַן אִינֶערְלִיכֶער פֵייעֶר, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס טוּט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם? עֶר לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם אוּן מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט בִּילְדֶער פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אַזוֹי הַאלְט עֶר צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן בְּרֶסְלֶב - שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פֶּנִימְ'עֶר; בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ פְּלַאץ צוּ קֶענֶען לֶעבְּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ לֶעבְּן פוּן גַּן עֵדֶן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע תש"פ)


BreslevCenter.com\answers



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908




>>>>>>

דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט, אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הֶענְגְט פוּן אוֹיבְן אוֹיף אַ הָאר הֶעכֶער אַ יַם, אוּן עֶר פַּאלְט כִּמְעַט אַרַיין אִין וַואסֶער אוּן וֶוערְט דֶערְטְרָאנְקֶען חַס וְשָׁלוֹם, וָואס דֶעמָאלְט וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיכֶער גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפְן הַארְץ, אָן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת]

**רסח**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן טְבֶרְיָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט קַיין צְפַת וואוּ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, בִּיז וֶוען מְ'הָאט גֶעהֶערְט אַז דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער גֵייט אָנְקוּמֶען בְּקָרוֹב קַיין עַכּוֹ, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַיינְנֶעמֶען דִי שְׁטָאט.

**רסט**

ז' אָדָר ב', דָאנֶערְשְׁטָאג, הָאט נַאפָּאלְיָאן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט זַיין מִילִיטֶער פוּן יַפוֹ, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין עַכּוֹ, אַיינְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטָאט.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ קַיין עַכּוֹ, צוּ דִינְגֶען פַאר אִים אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע לֶענְדֶער, צוּ קֶענֶען אַהֵיימְפָארְן מִיט זֵייעֶר'ס אַ שִׁיף.

דֶער לַאנְד רֶעגַאז [הַיינְט אִיז עֶס רַאגוּזָא, וָואס אִיז אַ טֵייל פוּן דִי סִיצִילְיֶע אִינְזְל] הָאט זִיךְ דַאן גֶעהַאלְטְן אִין גוּטְן מִיט אַלֶע לֶענְדֶער, אוּן דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַז וֶוען דִי קְרִיגְ'ס שִׁיפְן זֶענֶען גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן יַם, פְלֶעגְן זֵיי כַאפְּן אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ אוֹיךְ צִיוִוילֶע שִׁיפְן פוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶערוֹיף. וֶוען דִי שִׁיפְן פוּן רֶעגַאז הָאבְן אָבֶער אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר פָאן אוֹיפְ'ן שִׁיף, הָאט מֶען זֵיי נִישְׁט גֶעכַאפְּט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט דִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיף אַזַא שִׁיף פוּן רֶעגַאז.

דֶער שָׁלִיחַ אִיז טַאקֶע אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ בִּילֶעט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיף אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז.

**רע**

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל שׁוֹין אַהֵיימְפָארְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ מִיט זַיין בְּרִיוו, אוּן אוֹיךְ אַ כְּלָלִיוּת'דִיגֶער בְּרִיוו. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעאַיילְט צוּ פָארְן קַיין עַכּוֹ צוּם שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן נתן קרויס שליט"א**

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

**מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט. דורות ישרים ומבורכים

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער אינגל**

**יחזקאל שרגא נ"י למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זייביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נייער זמן אנגעהויבן אין ישיבה, יעדער ביי זיך אינדערהיים

אין די יעצטיגע טעג האט זיך אנגעהויבן דער פרישער זמן אין ישיבה, דער זומער זמן, אזוי ווי אבער מ'קען נאכנישט ארויסגיין פון די הייזער צוליב די קאראנע ווירוס, האבן אלע בחורים, און אלע אנשי שלומינו, אנגעהויבן דעם זמן הישיבה ביי זיך אינדערהיים.

דער ראש ישיבה שליט"א פלעגט אלץ זאגן פאר די בחורים אז די ישיבה איז נישט דוקא נאר אינעם בנין פון די ישיבה, נאר דער עיקר איז אז יעדער בחור זאל הערן די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן, און דאס מיטנעמען סיי ווי ער גייט, דאס רעדן צום אייבערשטן קען מען טון סיי ווי אימער מ'געפונט זיך נאר, דאס לערנען די הייליגע תורה אויפ'ן סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן, קען מען אויך טון אינדערהיים, מ'דארף נישט קיין מגיד שיעור אדער א חברותא פאר דעם, און אזוי ווייטער קען מען זיך דערהאלטן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, סיי ווי נאר א מענטש זאל זיך דארפן געפונען.

און דאס קומט יעצט ארויס מיט די שענסטע פארבן ווען די ישיבה איז פארמאכט, יעדער דארף זיין איינגעשפארט ביי זיך אינדערהיים, מ'קען נישט קומען און גיין, פון דעסט וועגן זענען די בחורים ממשיך צו דינען דעם אייבערשטן, צו לערנען און דאווענען, יעדער וואו ער געפונט זיך נאר.

דער ראש ישיבה שליט"א געבט יעדן טאג א שיעור התחזקות אויפ'ן טעלעפאן וואס אלע בחורים קענען מיטהאלטן, און צו די זעלבע צייט איז דאס מחזק נאך פילע צענדליגע טויזנטער אידן וואס רופן אריין טאג טעגליך דעם "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, און זענען זיך מחי' מיט די הערליכע שיעורים, וואס בלאזן אריין חיזוק און לעבן אין אידישע הערצער, ספעציעל יעצט אין די שווערע צייטן.

מיר זענען ווייטער מתפלל און בעטן דעם אייבערשטן אז די שווערע צייטן זאלן שוין אריבערגיין, אלע אידן וואס דארפן ווערן געזונט זאלן האבן ווי שנעלער א גאנצע רפואה, און די געזונטע זאלן ווייטער בלייבן געזונט, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו מקבל זיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**ישועת ה' כהרף עין!**

***

# הדרן עלך ששה סדרי תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען דעם אחרון של פסח זוכה געווען צו ענדיגן **ששה סדרי תוספתא** צום ניינצנטן מאל, און אום אסרו חג האט מען אנגעהויבן די צוואנציגסטע מחזור אין תוספתא.

שוין פילע צענדליגע יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

מיט 22 יאר צוריק, אין יאר תשנ"ח לפ"ק, אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא"ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע **"בית"**, **ב**'בלי **י**'רושלמי **ת**'וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות **"בית"**, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט דערציילן פילע אנשי שלומינו אז זיי האבן זיך פארגענומען צו לערנען יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען גרינגערהייט צו באקומען שיינע הערליכע גרויסע הייזער מיט הרחבת הדעת.

דער נייער מחזור אין תוספתא האט געברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך קומט ארויס דער קונטרס "בי"ת נצחי", אין וואס עס איז אריינגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

# קאראנע ווירוס!

**קאראנע ניגונים, קורצע און לענגערע שיעורים איבער די קאראנע ווירוס, קאראנע חדר, קונטרסים, תפלות, אינטערוויוס, און נאך:**

**קול ברסלב**

**212-444-9191 1, 1, 7**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**